בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## ניצבים וילך
### כ"ג אלול תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:24 |
| מוצש"ק | 7:35 |
| ר"ת | 8:15 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:40 | סוז"ת א' | 9:59 |
| סוזק"ש ב' | 9:25 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': רב
שנה ד'

## טיב הפרשה

# די עבודת האכילה ביי א איד

### ואכל ושבע ודשן

אין די היינטיגע פרשה לערנען מיר די אזהרה פון משה רבינו פאר כלל ישראל ווען מ'קומט אן קיין ארץ ישראל.

נאך דעם וואס משה רבינו רעדט צו כלל ישראל איבער די גרויסקייט פון ארץ ישראל און אירע מעלות, איז ער מזהיר דעם איד אז ער זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך די גשמיות פון ארץ ישראל, און ווי דער לשון הכתוב איז 'כִּי אֲבִיאֶנּוּ אֶל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבֹתָיו זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ וְאָכַל וְשָׂבַע וְדָשֵׁן וּפָנָה אֶל אֱלֹהִים אֲחֵרִים'.

עס קען זיין אז אין די אזהרה פון משה רבינו באהאלט זיך די נקודה פון שמירה עליונה וואס מ'דארף האבן ביי אכילה.

די אכילה פון א איד איז א הייליגער זאך, עס האט אין איר צוויי כוחות, פון איין זייט האט זי אין איר א כח מקדש צו זיין דעם מענטש און איר דערהייבן, אבער פון די צווייטע זייט, קען זי אראפשלעפן דעם מענטש צו זייער א נידריגע שטופע.

עס איז די זעלבע פעולה, אבער זי האט אין זיך א צוויי-זייטיגע כח.

ווען ברענגט זי דעם מענטש לידי קדושה און ווען ברענגט זי דעם מענטש צו די פארקערטע? די תשובה ליגט אין די וועג ווי אזוי מ'עסט. ווען א איד עסט אזוי ווי עס דארף צו זיין און מיט א מאס, ער עסט זיך נישט איבער, איז זיין עסן בקדושה ובטהרה, אבער ווען דער איד עסט זיך איבער, מער ווי די מאס, ברענגט די עסעריי נישט קיין גוטע זאכן.

די בחינה זעט מען דא אין פסוק. די תוה"ק באנוצט זיך מיט'ן לשון 'ודשן', וואס איז א בפירוש'ע רמז אויף דעם געדאנק. עס איז דא דער פאל ווען דער איד עסט ווי עס דארף צו זיין און ער איז מקיים דער 'ואכל ושבע' אז ער עסט צו די זעט.

אין אזא פאל איז די אכילה א ריכטיגע אכילה, עס ברענגט נישט נאך איר קיין נאכווייען, אבער ווען עס איז דא דער 'ודשן', אז דער מענטש עסט זיך איבער, איז יא דא די סכנה אז דאס וועט אים עווענטועל צוברענגען צו דער 'ופנה'.

די בחינה טרעפט מען אויך מערערע מאל דערמאנט אין די ווערטער פון חז"ל.

## טיב המערכת

# דער יחס צו די תלמידים

הרה"צ רבי אברהמ'ל מלאך ז"ל, איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידים פון הרה"ק בעל יסוד העבודה פון סלאנים זצ"ל, וואס ווען זיין רבי איז נסתלק געווארן האט ער אנגעהויבן צו פארן צו הרה"ק רבי דוד משה טשארטקוב זי"ע.

איינמאל אום ערב פסח האט רבי אברהמ'ל געשיקט א בריוו צו זיין רבי'ן קיין טשארטקוב, וואו ער האט אים געלאזט וויסן אז כאטש ער וויל זייער שטארק זיין ביים רבי'ן פארן הייליגן יום טוב פסח, האט ער אבער ספעציעלע הנהגות און חומרות אינעם הייליגן יו"ט, און דעריבער וועט ער נישט קענען אויספירן זיין שטארקן שטרעבן, אויסער אויב מען וועט אים צושטעלן א וועג וויאזוי ער וועט קענען אויספירן די חומרות אויך ווען ער געפינט זיך דארט בצל קדשו פונעם רבי'ן.

הערנדיג די פארלאנג פון רבי אברהמ'ל, האט דער רבי געהייסן אז מען זאל דינגען א ספעציעלע דירה פאר אים, און מען זאל אים צושטעלן אלע זאכן וואס ער דארף האבן כדי ער זאל האבן די מעגליכקייט זיך צו פירן מיט אלע חומרות וואס ער איז צוגעוואוינט צו טון אום פסח, און רבי אברהמ'ל איז טאקע געקומען צו פארן צום רבי'ן פאר פסח.

דאס האט אויסגערופן גרויס וואונדער ביי זיין זון, הרה"ק רבי ישראל, וועלכער האט זיך געוואנדן צו רבי אברהמ'ל און ער האט אים טאקע געפרעגט וואס דאס מיינט אז זיין טאטע, דער הייליגער רבי, געבט זיך אפ מיט אים אויף אזא געוואלדיגער וועג, אויף אזוי ווייט אז ער האט געהייסן אז מען זאל זיך אזוי שטארק אנשטרענגען פאר זיינעטוועגן?

האט רבי אברהמ'ל אים געענטפערט און אים געגעבן צו פארשטיין, אז אין אמת'ן אריין איז זיך אים דאס געקומען ביושר, און ער האט זיך עס ערליך פארדינט, וויבאלד מצד הדין וואלט דער רבי אליין געדארפט קומען צו מיין וואוינאָרט כדי מיר צו מדריך זיין אויפן ריכטיגן וועג, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (ח"א קצב:) 'בָּעֵי זַכָּאָה לְמִרְדַּף בָּתַר חַיָּיבָא', זעען מיר פון דעם אז דער ערליכער איז מחויב נאכיאגן נאכן שולדיגן אים צוריקצוברענגען צום גוטן וועג, און איך האב דאך איינגעשפּאָרט פארן רבי'ן דער פלאג מיטן אליין אהערקומען, און יעצט דארף ער מיר שוין נישט נאכיאגן, און דעריבער האב איך ערליך פארדינט דעם ספעציעלן צוגאנג פונעם רבי'ן צו מיר...

מיט אט די מעשה וועלן מיר קענען בעסער פארשטיין די ווערטער פון דער הייליגער רמב"ם וואס ער שרייבט בזה הלשון: כְּשֵׁם שֶׁהַתַּלְמִידִים חַיָּבִין בִּכְבוֹד הָרַב, כָּךְ הָרַב צָרִיךְ לְכַבֵּד אֶת תַּלְמִידָיו וּלְקָרְבָן. כָּךְ אָמְרוּ חֲכָמִים: יְהִי כְבוֹד תַּלְמִידְךָ חָבִיב עָלֶיךָ כְּשֶׁלָּךְ! און דער הייליגער רמב"ם פירט דארט אויס בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: 'וְצָרִיךְ אָדָם לְהִזָּהֵר בְּתַלְמִידָיו וּלְאוֹהֲבָם, שֶׁהֵם הַבָּנִים הַמְּהַנִּים לָעוֹלָם הַזֶּה וְלָעוֹלָם הַבָּא'.

פון זיינע ווערטער קומט ארויס, אז די ליבשאפט און די נאנטקייט ברענגען אויך גוטס צו דעם רבי'ן, ווייל דורכדעם איז ער זוכה צו פארגלייכן זייער וועג, און ממילא געניסט ער פון זיי אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער זעלבער ענין זעען מיר אויך אין די פרשה פון די וואך, וואו משה רבינו מוסר'ט כלל ישראל און ער זאגט צו זיי 'כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן' וגו', און דערויף פרעגט רש"י וַהֲלֹא כָּל יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ לֹא הִשְׁחִיתוּ? אֶלָּא – זאגט רש"י – מִכָּאן שֶׁתַּלְמִידוֹ שֶׁל אָדָם חָבִיב עָלָיו כְּגוּפוֹ, שֶׁכָּל זְמַן שֶׁיְּהוֹשֻׁעַ חַי נִרְאֶה לְמֹשֶׁה כְּאִלּוּ הוּא חַי.

וויבאלד יהושע איז געווען באליבט אין די אויגן פון משה, האט ער זוכה געווען אריבערצופירן צו אים די וועגן וויאזוי צו פירן כלל ישראל, און דורכדעם האט ער אויך גוטס געטון פאר זיך אליין, דורכדעם וואס ער האט מְזַכֶּה געווען כלל ישראל מיט זיין ליבטיגקייט אויך נאך זיין הסתלקות.

(עפ"י טיב התורה – וילך)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

דער ספרי אין דברים [פיסקא שיח] שרייבט אין אדם בועט אלא מתוך אכילה ושתיה, און ענדליך צו דעם טרעפן מיר אין די גמרא [ברכות דף כט ע"ב] אז אליהו האט געזאגט פאר רב יהודה אז דער זיך איבערעסן איז א סכנה פאר'ן רוחניות פון דעם מענטש, און ווי עס איז דארט דער לשון הגמרא: אמר ליה אליהו לרב יהודה אחוי דרב סלא חסידא, לא תרתח ולא תחטא, לא תרוי ולא תחטא!

מ'זעט דער געדאנק בשם אליהו הנביא אויך אין אנדערע ערטער. בשם אליהו הנביא איז דא די מימרא: עד שיבקש אדם שיכנסו דברי תורה לתוך מעיו - יבקש רחמים שלא יכנס אכילה ושתיה יתירה לתוך מעיו - ווייל דער ריבוי האכילה איז גורם אסאך שווערינקייטן און פארשלעפט דעם מענטש זייער ווייט.

א ווייטער ביישפיל וואס געבט ארויס ווי שטארק און ווי פאטאל איז די נושא פון נישט עסן ערליך און ריכטיג, איז די מעשה וואס די גמרא דערציילט אין מסכתא ברכות [דף כט] מיט יוחנן כהן גדול וואס האט געדינט בכהונה גדולה אכציג יאר און שפעטער איז ער געווארן א צדוקי.

ווען מ'רעכענט די יארן פון יוחנן כהן גדול מוז זיין אז ער ווען ער איז געווארן א צדוקי איז ער שוין געווען אין די עלטערע יארן, און חז"ל זאגן דאך [יומא לח ע"ב] אז איינמאל עס גייט אריבער רוב יארן פון א מענטש אן קיין חטא איז ער פארזיכערט אז ער גייט שוין נישט זינדיגן, אבער דא האט עס יא פאסירט.

ווי אזוי קען זיין אז דא האט עס נישט געווירקט? דער סוד איז מגלה דער הייליגער אר"י הק' אין די כתבים [ליקוטי תורה פרשת עקב].

דארטן שרייבט ער ווי אזוי אזא זאך האט געקענט פאסירן, און ער ברענגט אראפ אז דער הייליגער אר"י הק' האט מגלה געווען אז די געשעעניש איז געשען כתוצאה פון נישט עסן א מאכל בקדושה.

די מעשה געבט ארויס דער גרויסער כח וואס איז דא ביי די עבודת האכילה פון א איד, ווי וויכטיג עס איז אז עס זאל זיין בקדושה ובטהרה, און אז אויב מ'היט זיך נישט פון איר - ווערט עס נתחלל חלילה און עס שלעפט אראפ דעם מענטש.

עס איז באקאנט אז די כח הניצוץ פון א מאכל באהאלט זיך אין די טעם פון דער מאכל, אז אין איר ליגט עס. ווי געשמאקער דער טעם איז אלץ שטערקער איז דער ניצוץ הק', אבער די ניצוץ הק' בעט זיך ביים מענטש ער זאל זיך שטארקן אויף די תאוה און אז דער מענטש זאל נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך איר, אבער אויב דער מענטש לאזט זיך פארנארן און גייט נאך דעם יצר הרע איז ער גורם מיט דעם אז ער ווערט נאכגעשלעפט נאך איר און ווערט א חלק פון די תאוה, אבער אויב דער איד איז זוכה און ער איז זיך מתגבר אויף די תאוה, ווערט ער דורכדעם נתעלה זייער שטארק און איז זוכה צו ווערן נתקדש בקדושה של מעלה.

זאל הקב"ה געבן אז די אכילה זאל אונז קענען אויפהייבן און אז מיר זאלן נישט ווערן נאכגעשלעפט נאך איר, און אז עס זאל מקויים ווערן ביי אונז דער 'ואכלת ושבעת וברכת' אז דורך די אכילה זאלן מיר נתעלה ווערן צו בענטשן הקב"ה און נישט חלילה די פארקערטע, אז עס זאל ח"ו מקויים ווערן אז די אכילה זאל ברענגען דער 'ופנה'.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# אלעס איז לטובה

שוין לאנגע יארן טוה איך אין די קעטערינג אינדוסטרי.

ברוך ה' אז די פרנסה גייט פיין און געשמאק, די קליענטן זענען צופרידן און די באשטעלונגען פארמערן זיך.

איין טאג האב איך באקומען א באשטעלונג פאר א גרעסערע מסיבה, עס איז געווען א גרעסערע זאך און די באשטעלונג איז אויך געקומען היבש שפעט.

קיין סאך זיך צו ארגאניזירן איז נישט געווען, אבער איך האב עס אנגענומען.

היות אז עס איז געווען שפעט, האב איך זיך געמאַנגלט אין ארבעטער, איך האב געדארפט דינגען סארווערס פאר די מעמד. די סארווערס האבן זיך געלאזט קאסטן א פרייז אז נאכ'ן מאכן א שטיקל חשבון וויפיל איך גיי פארדינען פון די גאנצע זאך, האב איך געזען אז די פארדינסטן וועלן זיין זייער שוואך און זייער ארעם.

איידער די מסיבה איז אריין אין שוואונג, האב איך געמאכט א חשבון ביי מיר וויפיל סארווערס דארף מען האבן ביי אזא געשעעניש. לויט מיין חשבון איז עס מיר אויסגעקומען אז מ'דארף האבן אכט איינגעשטעלטע.

איך האב באשטעלט די אכט און זיך גענומען צו די ארבעט.

הארט איידער די ארבעט האט זיך אנגעהויבן, קלינגט מיר אן א סארווער אז ער קען נישט קומען. עס האט מיר פארדראסן, אבער אז ער קען נישט - קען ער נישט קומען.

אין די זעלבע צייט האבן זיך צוויי סארווערס צואמפערט און זיך באליידיגט און האבן פארלאזט דעם ארט.

ענדע בין איך געבליבן בלויז מיט 5 סארווערס.

איך בין געווען אנגעצויגן און נערוועז, איך האב נישט געוואוסט וואס גיי איך טון דא, אבער ענדע האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלעס איז געווען לטובה.

למעשה איז געקומען אסאך א קלענערע עולם ווי זיי האבן גערעכענט, מען האט זיך פיין אן עצה געגעבן מיט פינף חברה.

ביים ענדע פון די מסיבה האב איך געזען אז דאס האט מיר געראטעוועט.

ווען איך בלייב ווען מיט אלע וואלט איך ארויס מיט ווייניג פארדינסטן, אבער אז א חלק סארווער האבן נישט געקענט קומען האט זיך אויסגעשטעלט אז כ'האב געשפארט אסאך געלט און כ'האב שיין פארדינט פון די מסיבה.

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז וואס עס האט אויסגעקוקט אין די ערשטע רגע ווי א שלעכטער זאך און ווי די סאמע גרעסטע בראך פון די אוונט, האט זיך ענדע ארויסגעשטעלט צו זיין די גרעסטע טובה פאר מיר.

מיר וויסן אלעמאל די כלל אז מ'דארף קוקן גוט אויף זאכן, און אז אפילו מ'זעט נישט די גוטס אויפ'ן פלאץ דארף מען גלייבן, אבער דא האב איך געהאט די געלעגנהייט עס צו זען מיט א קלארקייט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# תִּקּוּן הַמִּדּוֹת בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אין צוגרייטונג צו די הייליגע טעג

**"לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא לֵאמֹר, מִי יַעֲלֶה לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ, וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה"** ל, יב

אין די **גמרא** (עירובין נה.) ווערט געברענגט: **רָבָא** אָמַר, 'לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא' – לֹא תִּמָּצֵא בְּמִי שֶׁמַּגְבִּיהַּ דַּעְתּוֹ עָלֶיהָ כַּשָּׁמַיִם. **רַבִּי יוֹחָנָן** אָמַר, 'לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא' – לֹא תִּמָּצֵא בְּגַסֵּי רוּחַ".

פון דא לערנען מיר ארויס א גרויסן יסוד, אז די תורה הקדושה ווערט נאר איבערגעגעבן אלץ נחלה פאר די וואס האלטן זיך קליין, און זיי האלטן זיך שטאלץ ביזן הימל, נאר זיי האלטן זיך אזוי ווי גארנישט. און ביי דער בעל גאוה קען די תורה נישט רוען, און אפילו דאס וואס ער האט שוין געלערנט איז "חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ", גייט זיין חכמה אוועק פון אים.

א וואונדערליכער ערקלערונג שרייבט דער הייליגער **חיד"א זצוק"ל** שרייבט אין זיין ספר **'חומת אנך'** (ויקרא ו, ב), פארוואס די תורה רוט נישט ביי א בעל גאוה. וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "הַאי מַאן דְּיָהִיר, חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ. בְּדֶרֶךְ דְּרָשׁ וּמוּסָר אֶפְשָׁר לוֹמַר טַעַם לָזֶה, דְּעַל יְדֵי הַגַּאֲוָה נַעֲשָׂה גּוּפוֹ כְּלִי מְשֻׁקָּץ וּמְסְרָח. כמ"ש **בְּאַגָּדָה, דְּאֵלִיָּהוּ זָכוּר לַטּוֹב** אָמַר **לְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי**, דְּאָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּאֲוָה הוּא סֶרַ"ח הָעוֹדֵף מִנְּבֵלָה מְסְרַחַת. וְאִם כֵּן הַתּוֹרָה צְרִיכָה לִהְיוֹת בְּמָקוֹם נָקִי וְטָהוֹר, וְקַיְימָא לָן דְּבִמְבוֹאוֹת הַמְּטֻנָּפוֹת אָסוּר לְהַרְהֵר בְּדִבְרֵי תּוֹרָה. וְלָכֵן מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּאֲוָה שֶׁהוּא מְסְרָח יוֹתֵר מִנְּבֵלָה – חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ, דְּהַתּוֹרָה צְרִיכָה מָקוֹם נָקִי וְטָהוֹר. וְזֶה רֶמֶז: 'זֹאת תּוֹרַת הָעוֹלָה', פֵּרוּשׁ תּוֹרָה עִם גַּאֲוָה, כְּלוֹמַר הֶחָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וְיֵשׁ לוֹ גַּאֲוָה, אָז – 'הִיא הָעוֹלָה', הִיא הַתּוֹרָה עוֹלָה וּמִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ, וְהוּא נִשְׁאַר בְּגַאֲוָתוֹ", עד כאן לשון קדשו.

***

שטייענדיג ביי **שבת סליחות**, אין צוגרייטונג צו די הייליגע טעג הבאים עלינו לטובה, לאמיר זיך גוט נאכקוקן און מתקן זיין אלע פעלערן אין די ענינים פון מידות צום גוטן, און מבטל זיין די גאוה און די שטאלץ, און שטארק פארדעכטן די עִנְיָנִים שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ.

**דער שטייגער פון די וועלט איז, אז אין אט די געהויבענע טעג, איז צוזאמען מיט די וואונטש וואס מען וואונטשט זיך איינער דעם אנדערן אז מען זאל זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, טוט מען זיך אויך איבערבעטן און זיך מוחל זיין פון טיפן הארצן. – און מיטן כח פון אחדות וואס איז דא אין כלל ישראל קען מען זיך שטעלן צום משפט צום גוטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם – כֻּלְּכֶם", מיטן כח פון אחדות וואס דאס איז דער 'כֻּלְּכֶם', אלע צוזאמען, כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, צו א כתיבה וחתימה טובה, אמן.**

***

צום **הייליגן צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל** איז אמאל אריינגעגאנגען א איד און זיין פארלאנג איז געווען אזוי – וויבאלד ער האלט יעצט ביים חתונה מאכן זיין טאכטער צו א חשוב'ער חתן, וועלכער איז א חסיד, דארף ער אים קויפן א שטריימל און א טלית מיט א מכובד'יגע עטרה, אזוי ווי דער מנהג פון די חסידים אז דער שווער קויפט פארן חתן דער שטריימל און די טלית.

אין די זעלבע צייט איז געשטאנען נעבן דער רבי, זיין זון **דער הייליגער שינעווער רב רבי יחזקאל שרגא זצוק"ל**, וועלכער האט דעמאלטס געדינט אלץ **'רב הצעיר'** אין צאנז, און ווען ער האט געהערט ווי די ווערטער פון דער איד, האט ער אים גענומען אנשרייען:

וויאזוי וואגסטו דיך צו רעדן ליגנט דא, אין פארנט פון מיין הייליגער טאטע? איך האב דאך אליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי דו קויפסט אליין דעם שטריימל ביים סוחר! וויאזוי שעמסטו דיך נישט פון דיר אליין!

דער מענטש איז געווארן אנגעפילט מיט בושה ביז אלע ברעגן, זיין געזיכט האט געטוישט קאלירן אז מען האט אים געכאפט ביי די מעשה. זיין פנים האט זיך געטוישט פון רויט צו ווייס און צוריק, און פון גרויס שטוינונג איז ער נישט געווען אימשטאנד צו עפענען זיין מויל, ביז ער האט אויפגעהויבן זיינע פיס און איז אנטלאפן פון דארט מיט גרויס שרעק.

גלייך האט דער הייליגער צאנזער רב געשריגן אויף זיין זון: **חאצקעלע**! וואס האסטו געטון? דו האסט דאך פארשעמט דעם איד! לויף אים שנעל נאך, זיי אים מפייס, און בעט אים מחילה!

איז דער שינעווער רב ארויסגעגאנגען און האט אנגעהויבן נאכלויפן דעם מענטש, ביז ער האט אים ענדליך דעריאגט ביים טויער פון די שטאט, און ער האט אים שטארק געבעטן אז ער זאל אים מוחל זיין דערפאר וואס ער האט אים אזוי שטארק מבייש געווען, אבער דער מענטש האט אים בשום אופן נישט געוואלט מוחל זיין. נאר נאך לענגערע הפצרות און תחנונים האט ער קוים מסכים געווען צו צוריקקומען מיט אים צו זיין הייליגער טאטע, כדי ער זאל זיי זאגן וואס זיי האבן צו טון.

אזוי האט זיך דער איד נאכגעשלעפט נאך דער שינאווער רב וועלכער האט נישט אויפגעגעבן פון אים, ביז ער איז צוריקגעקומען מיט אים פאר זיין הייליגער טאטע.

ווען דער הייליגער צאנזער רב האט געזען דער איד ווי ער שטייט פאר אים, האט ער אים זייער שטארק מקרב געווען, און מיט א שמייכל אויף זיין הייליגע געזיכט, האט ער געזאגט צו אים: הער אויס מיין עצה! דו זאלסט נישט מוחל זיין מיין זון, ביז ער וועט דיר באצאלן די גאנצע געלט וואס דו האסט באצאלט פארן שטריימל און די טלית וואס דו האסט געקויפט! אויך זאלסטו צוגעבן צום חשבון, אלע קליידער וואס דו דארפסט האבן פאר דיין טאכטער די כלה שתחי', און אויך אלע קליידער פאר די משפחה לכבוד די חתונה!

דא האט דער שינעווער רב געפרעגט דעם איד: זאג נאר, וויפיל וועט דאס אלעס קאסטן אינאיינעם? זאג נאר די סומע, און איך וועל דיר עס געבן!

אזויפיל און אזויפיל רובל! – האט דער איד אנגעכאפט א צאל, ערקלערנדיג אז דאס איז דער חשבון וויפיל די אלע טייערע קליידער האבן געקאסט. דער שינעווער רב האט גלייך ארויסגענומען די גאנצע סומע אין קעש, און ער האט עס איבערגעגעבן פארן מענטש מיט גרויס שמחה, און ער האט אים נישט געלאזט אוועקגיין ביז ער האט אים געזאגט **בְּפֶה מָלֵא** אז ער איז אים מוחל!

***

איינער פון די תלמידים וואס האט געלערנט אין די ישיבה פון **הגה"צ דער אלטער פון קעלם זצוק"ל**, האט געבארגט געלט פון זיין חבר, און ווען עס איז געקומען דער צייט צו באצאלן, האט ער אלעס געלייקנט, און ער האט גע'טענה'ט מיטן גאנצן שטארקייט, אז **'לֹא הָיוּ דְּבָרִים מֵעוֹלָם'!** אינעם היציגקייט פונעם ויכוח, האט זיך דער מענטש אויפגעשטעלט און ער האט ארויסגענומען א **שבועה** פון זיין מויל, אז ער איז אים גארנישט שולדיג!

ווען דאס איז אנגעקומען צו די אויערן פון דער אלטער, האט ער צוגערופן דעם בחור און ער האט אים שארף אנגעשריגן פאר די שבועה וואס ער האט ארויסגעזאגט פון זיין מויל, און דערביי האט ער אים אויסגעקלערט איבער די הארבקייט פון די זאך, ערקלערנדיג אז היינטיגע צייטן שווערט מען בכלל נישט, אפילו אויף אן אמת'ער זאך!

עטליכע וואכן שפעטער, האט דער אלטער פון קעלם נאכאמאל געלאזט רופן דער בחור, און ער האט אים אנגעהויבן צו מפייס זיין און צו בעטן מחילה פון אים דעפאר וואס ער האט אים אזוי שארף אנגעשריגן. ווען דער בחור האט אים געפרעגט, וואס איז יעצט געשען אז ער האט צוריקגעצויגן פון זיינע ווערטער, האט דער אלטער געענטפערט: פון אנהייב האב איך געמיינט אז איך בין צוטרייסלט געווארן פון דיין שבועה צוליב מיין יראת שמים. – אבער היינט האב איך געזען ווי איינער אין שול האט זיך גע'טענה'ט מיט זיין חבר, און אזוי אינצווישן זייערע ווערטער האט ער געשוואוירן א שבועה! אבער דא בין איך נישט אזוי שטארק צוטרייסלט געווארן פון זיין שבועה... און איך האב זיך נישט קעגנגעשטעלט אזוי ווי איך האב עס געטון ביי דיר... – און אויב אזוי, איז עס דאך א קלארע סימן, אז אויך דאס וואס איך האב דיר אנגעשריגן איז נישט געווען בשלימות

צוליב גרויסע יראת שמים... נאר עס האט זיך דא אויך אויסגעמישט די מדה פון כעס... – דעריבער בין איך געקומען דיר איבערבעטן, ביטע זיי מיר מוחל דערפאר וואס איך האב דיר צופיל פארשעמט!

***

עס האט דערציילט **הגאון הצדיק רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל ראש ישיבת טשיבין**, אז ער האט געהערט פון א איד וואס פאר די צווייטע וועלט־מלחמה האט ער געהאט א **פלייש געשעפט**, וואו ער האט פארקויפט פלייש און עופות, און נעבן זיין הויז האט ער געהאט א ריזיגע שטייג פון לעבעדיגע הינער, פון וואו ער פלעגט נעמען די עופות יעדן וואך און ער האט זיי געשאכטן. יעדע וואך האט ער געמאכט א פונקטליכע חשבון, וויפיל עופות ער האט ארויסגענומען פונעם שטייג, וויפיל עס זענען פארקויפט געווארן אינעם פלייש־געשעפט, און וויפיל לעבעדיגע עופות עס זענען בסך הכל געבליבן אינעם שטייג.

איינמאל האט ער באמערקט אז עס פעלט איין עוף פונעם חשבון, און א וואך שפעטער האט ער געזען אז עס פעלט נאך אן עוף, און אינעם דריטן וואך האט שוין געפעלט נאך אן עוף פונעם שטייג, און אזוי איז עס געגאנגען ווייטער, א וואך נאך א וואך, ביז ער האט באשלאסן אז ער גייט פראבירן אליין כאפן דעם גנב. ער האט זיך באהאלטן אינעם שטייג, און פלוצלונג, אינמיטן די נאכט, האט ער געהערט שטילע טריט וואס דערנענטערן זיך. ער האט גלייך אנגעשפיצט אלע זיינע חושים, און דעמאלטס האט ער באמערקט פון זיין באהעלטעניש ווי א מענטש גליטשט זיך אריין אינעם שטייג, דורכן פענסטער. ווען ער האט גוט באטראכט דער אומגערופענער גאסט, איז ער געווארן זייער פארוואונדערט צו זען אז דאס איז געוועזן זיין שכן, וואס האט געוואוינט ממש נעבן אים, און איז געוועזן א ביטערער ארימאן, וועלכער האט שוין נישט געקענט אויסהאלטן די שרעקליכע ארימקייט פון זיין הויזגעזינד, און נישט זעענדיג פאר זיך קיין אנדערע ברירה האט ער 'ארויסגעשלעפט' בלויז איין עוף, און האט זיך גלייך ארויסגעגליטשט אינדרויסן. אבער ממש אין דער לעצטער רגע איידער ער איז ארויסגעגאנגען, האט ער פלוצלונג מער ווי זיין שכן, דער בעל הבית, קוקט אים אן פון זיין באהעלטעניש... און פון גרויס שרעק און בושה איז ער שנעל אנטלאפן.

דער בעל הבית איז זייער צושטורעמט געווארן זעענדיג דעם נידעריגן צושטאנד פון זיין שכן, וועלכער האט זיך דערקייקלט צו אזא שרעקליכער מצב. ער האט גוט געוואוסט אז דאס איז בכלל נישט קיין גנב, וויפיל ער וואלט דאך געקענט ארויסגיין מיט א שָׁלָל רָב.. און פונדעסטוועגן האט ער נאר גענומען איין עוף...




כדי צו קענען שפייזן זיינע יונגע קינדער וואס זענען כמעט אויסגעגאנגען פון הונגער! אזוי ווי דער חָכָם מִכָּל הָאָדָם זאגט אין ספר **משלי** (ו, ל): **"לֹא יָבוּזוּ לַגַּנָּב, כִּי יִגְנוֹב לְמַלֵּא נַפְשׁוֹ, כִּי יִרְעָב"**.

אבער, נאכמער ווי דער גנב איז פארשעמט געווארן פון זיין שכן דער בעל הבית, האט זיך דער בעל הבית געשעמט פון זיין שכן דער גנב, טראכטנדיג פונעם געוואלדיגן צער וואס דער ארימאן וועט האבן ווען ער וועט אים באגעגענען, און ער וועט אוודאי פול ווערן מיט צער און עגמת נפש, און זיין זעל וועט פיל ווערן מיט בושות און בזיונות פון זיין אויפפירונג.

ער איז אזוי שטארק באנומען געווארן פון דער צער פון זיין שכן דער ארימאן, אז ער איז שוין מער נישט אימשטאנד געוועזן אים צו באגעגענען, זעענדיג אז יעדן מאל האט זיך דער שכן פארשטעקט און באהאלטן פון אים, מיט א געזיכט פול מיט בושה און ליידן. ער האט דעריבער באשלאסן אז ער וועט זיך אוועקציען פון יענע שטאט! ער האט פארקויפט אלע זיינע געשעפטן און אויך דעם גרויסן שטייג, און ער האט זיך אויפגעהויבן צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה צו א ווייטע לאנד, און זיי האבן זיך דארט באזעצט.

א גאנצע יאר איז דורכגעגאנגען פונעם אויבנדערמאנטן געשעעניש, און די צווייטע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכן מיט איר גאנצע קראפט, און די שטאט וואו דער איד האט פריער געוואוינט, איז זייענדיג נאנט צום פראָנט איז עס גלייך געגאנגען אין פייער, און פון אלע אידן פון די שטאט איז קיינער נישט געבליבן ביי די שרעקליכע מלחמה! אויך די גאנצע הינער־שטייג איז צוגרונד געגאנגען ביז צו די לעצטע הינדל... אבער דער איד מיט זיין משפחה, וועלכע האבן זיך אוועקגעצויגן פון דארט הארט פאר די מלחמה, כדי נישט צו גורם זיין צער און בושה צו זיין נאנטער שכן, זענען געראטעוועט געווארן ממות לחיים! זיי זענען אלע ארויפגעקומען צום הייליגן לאנד, און האבן אויפגעשטעלט הערליכע משפחות, דורות ישרים מבורכים!

***

עס האט מיר דערציילט אַן איש נאמן, איבער א צובראכענער איד וועלכער איז אריינגעגאנגען צום הייליגן **סאטמארער רבי'ן, רבי יואל'יש זצוק"ל, בעל 'ויואל משה'**, און ער האט זיך ביטער אויסגעוויינט איבער זיינע גרויסע און שווערע צרות.

האט אים דער רבי געזאגט: מיט דיין צער און דיינע צרות בין איך זיך משתתף מיט מיין גאנצע הארץ, איך האב מיט דיר גרויס מיטלייד, און עס טוט מיר זייער וויי אז איך האב נישט די מעגליכקייט דיר ארויסצונעמען פון די דאזיגע צרות!

דער איד וועלכער איז געווארן צובראכן און פארלוירן עַד דִּכְדּוּכָהּ שֶׁל נֶפֶשׁ, האט צוליב זיין גרויס צער, זיך אנגערופן מיט אביסל חוצפה: דער רבי זיצט דאך דא בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם! גבאים און משרתים רינגלען אים שטענדיג ארום אויסצופירן זיין וואונטש, און די גאנצע וועלט באלייכט פון זיין הויכגעשעצטע פערזענליכקייט! וויאזוי קען דער רבי זאגן, אז ער באטייליגט זיך אין מיין צער און ער פארשטייט מיין ווייטאג?

די ווערטער זענען נאר ארויס פונעם מויל פון דעם איד, און דער הייליגער געזיכט פונעם רבי'ן איז געווארן ווי א פלאם פייער. ער איז אויפגעשטאנען מיט שטורעם פון זיין בענקל, און ער האט אנגעהויבן שפאצירן מיט שנעלקייט אהין און צוריק, מיט א פארפלאמטע געזיכט, און זיין גאנצע מהות האט געברענט פון התלהבות. אזוי האט זיך דער רבי געדרייט א לענגערע צייט, מער ווי גאנצע צוואנציג מינוט, אן ארויסצוזאגן אפילו אן איינציגע ווארט פון מויל, אינדערצייט וואס דער איד איז געשטאנען אין דער זייט, וַיְהִי הַמָּקוֹם לְחֶרְדַּת אֱלֹקִים!

פלוצלונג האט זיך דער רבי געוואנדן צו אים, מיט א שטורעמישע גייסט, און ער האט געזאגט צו אים: הער זיך גוט צו, איך האב מיך געמאכט מיין חשבון הנפש, און דאס איז ביי מיר קלאר ווי דער זון, אז איך וויל דיר זייער שטארק העלפן לויט מיין מעגליכקייט, אבער צו זאגן אז איך שפיר דיין צער, ממש אזוי ווי עס וואלט געוועז מיין אייגענער צער! – אין דעם ביסטו גערעכט, אז איך קען נישט זאגן אז עס איז ממש די זעלבע!

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

[redacted]

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173